**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט געווינער אין פינפטע רונדע פון GROW-NY עסנווארג און אגריקולטור ביזנעס פארמעסט**

***3 מיליאן דאלאר אין געווינס געלטער פארטיילט פאר זיבן עסנווארג, געטראנקען און אגריקולטור סטאַרט-אָפּס – אריינרעכענענדיג 1 מיליאן דאלארדיגע גרענד פרייז פאר Hypercell Technologies פון דזשארדזשיע***

***פארמעסט שטופט פאר ערפינדונגען אין עסנווארג, געטראנקען און אגריקולטור מיט צוזאגן פון געווינענדע ביזנעסער צו אפערירן אין צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס און סאוטערן טיער***

***פארמעסט געשטיצט דורך 'אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו' און בויט ארויף אויף די ראיאנישע סטראטעגיעס "צענטראל ניו יארק - וואקסנדיג", "פינגער לעיקס - אויף פאראויס" און "סאוטערן טיער - זיך אויפהייבנדיג"***

**בילד פון טיעם וואס האט געוואונען פארעפנטליכט [דא]()**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז Hypercell Technologies פון פיטשטרי קארנערס, דזשארדזשיע, איז די גרענד פרייז געוואונער פון די היי-יאריגע Grow-NY (וואקס-ניו יארק) ביזנעס פארמעסט — א סטאַרט-אָפּ 'טשעלענדזש' וואס איז קאנצענטרירט אויף צו באַרייכערן די אויפשטייגנדע צענטער פאר ערפינדונג פון עסנווארג, געטראנקען און אגריקולטור אין צענטראל ניו יארק, די פינגער לעיקס און אין די סאוטערן טיער. יעצט אין דעם פינפטן יאר, האט דער פראגראם געשאנקען 3 מיליאן דאלאר – אריינרעכענענדיג די 1 מיליאן דאלארדיגע גרענד פרייז – פאר זיבן קאנדידאטן וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די ביזנעס אנטוויקלונג 'עקסעלערעיטאר' פראגראם און אין די צוויי-טאגיגע פארמעסט ביי די Grow-NY צוזאמקום היי יאר וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין בינגעהעמטאן. די טיעמס וואס געוואונען מוזן צוזאגן צו טוהן ביזנעס אין די אנטיילנעמנדע ראיאנען צום ווייניגסטנס פאר איין יאר, גיבנדיג פאר Grow-NY א קליינע אינוועסטירונג 'עקוויטי' אין זייער קערפערשאפט. די פארמעסט ווערט אנגעפירט דורך קאָרנעל אוניווערסיטעט'ס צענטער פאר ראיאנישע עקאנאמישע פארשריט ( Center for Regional Economic Advancement).

"די געווינער פון די היי-יאריגע Grow-NY פארמעסט פארטרעטן טייל פון די מערסטע שעפערישע און פאראויס-טראכטנדע ביזנעסלייט פון ארום די וועלט וועלכע וועלן נעמען אונזער סטעיט'ס עסנווארג און אגריקולטור סעקטאר צו דעם קומענדיגן שטאפל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך Grow-NY און די 'אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו', פארשטערקערט מיין אדמיניסטראציע איר פארפליכטונג צו טרייבן עקאנאמישע וואוקס אין יעדע טייל פון אונזער סטעיט, אונטערהייבנדיג ערפינדונג און שאפן די דזשאבס און געלעגנהייטן וועלכע וועלן רוקן ניו יארק אויף פאראויס."

Hypercell Technologies מאכט שנעלע דיאגנאסטישע טעסטס וואס גיבן רעזולטאטן אויפן פלאץ פאר די עסנווארג טשעין און מאכן זיכער אז ביאלאגישע באצילן און דאס גלייכן ווערן אויפגעכאפט און קאנטראלירט פרי, פון די פראדוקציע ביז די לעצטע פראצעסירונג פון די עסנווארג, אויף א שנעלערע און מער פארלעסליכע וועג.

**Hypercell CEO און קא-גרונדער, ברונאָו דזשאקטעל, האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט און Grow-NY פאר זייער שטיצע. עס איז אונז אן עהרע זיך צו אנשליסן אין די גרופע פון Grow-NY געווינער, און מיר זענען אינספירירט געווארן דורך די אנדערע סטאַרט-אַפּס מיט וועם מיר האבן זיך פארמאסטן אין די היי-יאריגע פארמעסט. די פרייז געלט וועט אונז העלפן וואקסן שנעלער, און די ערפינדונג אטמאספערע אין אפסטעיט ניו יארק וועט אונז העלפן וואקסן אויף א מער שטאנדהאפטיגן אופן. Grow-NY און אונזער מענטאר, עד ביזאַרי, האבן אונז געגעבן די מיטלען, הדרכה און די קשרים וואס מיר האבן געדארפט צו געווינען די ערשטע פרייז, און מיר זענען באגייסטערט צו פארגרעסערן אונזער ביזנעס פון שנעלע דיאגנאסטישע טעסטס וואס גיבן רעזולטאטן אויפן פלאן צו פארבעסערן די עסנווארג טשעין אין דעם Grow-NY ראיאן."

**<u>אנדערע 2023 געווינער האבן אריינגערעכנט:</u>**

**$500,000 געוואונער:** Crover, (עדינבורג, יונייטעד קינגדאם) — Crover איז אויף א מיסיע צו העלפן אפערירער פון תבואה זאפאסן צו רעדוצירן פארלוסטן און היטן אויף די בעסטע סטארעדזש אומשטענדן; צו ווירקזאמערהייט נאכפאלגן די תבואה פונדערווייטנס; און צו היטן אויף די קוואליטעט פון די תבואה דורך זייער "תבואה שווימענדע" ראבאטישע טעכנאלאגיע.

**$500,000 געוואונער:** SomaDetect, (טארנהיל, אנטאַריאָו, קאנאדע) — SomaDetect's פארגעשריטענע סענסאר און סאפטוועיר סיסטעם גיבט פאר פארמער די אינפארמאציע וואס זיי דאפרן צו מאכן די בעסטע מילך וואס איז נאר מעגליך, אפפערנדיג פאר מילכיגס פראדוצירער אויטאמאטישע און פארלעסליכע מילך-באזירטע דאטא דירעקט פון זייער מילקן ליניע צו מאכן די טעגליכע אפעראציעס פון מילכיגס פארמס מער געשליפן.

**$250,000 געוואונער:** Cattle Scan (טאראנטא, קאנאדע) — Cattle Scan's אראפגעשלינגענע מאשינדל פאר קיהען ערלויבט מילכיגס פארמער צו נאכפאלגן די געזונטהייט צושטאנד פון יעדע קיה באזונדער בשעת מעשה, פארבעסערנדיג די אלגעמיינע געזונטהייט פון די סטאדע, פארמערנדיג די ווירקזאמקייט פון פראדוקציע און העלפנדיג פאראויס שטופן ביזנעס שטאנדהאפטיגקייט און אויסגעצייכנטע אפעראציעס.

**$250,000 געוואונער:** Clean Label Solution (איטעקע, ניו יארק) — Clean Label Solution האט אן אייגענע טעכנאלאגיע וואס פארבעסערט די גרינגקייט פון פארדייאונג פון פראטין און פעטנס און עס רעדוצירט CO2 עמיסיעס און ענערגיע באנוץ אין די פראדוקציע פון סוי-באזירטע חיות עסנווארג פאר פארם חיות ווי מילך קיהען, הינדלעך, הערשן און פיש פארמס.

**$250,000 געוואונער:** MycoLogic (קענעסאו, דזשארדזשיע) — MycoLogic איז אן ארומנעמיגע לייזונג צו עפענען אדער אויסברייטערן אייער ספעציאליסטישע שוועמלעך פלאנצונג ביזנעס. זיי שטעלן צו סיי די האַרדווער און סיי די סאפטוועיר פאר די טיילווייז-אויטאמאטישע פלאנצונג פון ספעציאליסטישע שוועמלעך און אזוי אויך ביאלאגישע שטיצע און ייעוץ.

**$250,000 געוואונער:** Mush Foods (פּוקיפּסי, ניו יארק) — Mush Foods שפאנט איין די כוח און בענעפיטן פון שוועמלעך מיט די עסבארע שוועמל "מייסיליום", באשאפנדיג א דורכברעכנדע,

ענווייראמענט-פריינטליכע פראטין וואס קומט נישט פון א חיה פאר די עסנווארג און געטראנקען אינדוסטריע.

די פארמעסט האט אויך געהאט איין געווינס, די "Wegmans Audience Choice", וואס איז אויסדערוועהלט געווארן דורך די פובליקום פאר די סטאַרט-אָפּ וואס האט געהאט די מערסטע ארויסשטייענדע און פארשפרעכנדע פרעזענטאציע. Big Yield Growers פון ענדיקאט, ניו יארק, האט באקומען $10,000 אין געווינס געלטער געספּנסארט דורך Wegmans.

די 20 לעצטע קאנדידאטן וועלכע זענען אויסדערוועהלט געווארן צו אנטיילנעמען אין די ערפינדונג פארמעסט האבן אלע באקומען מענטארס פון פארזיכטיג-אויסגעקליבענע ראיאנישע ביזנעס אדווייזארס אין די טעג בעפאר די צוזאמקום, און זיי זענען אויפגעקומען מיט א דעטאלירטע ביזנעס פלאן צו פרעזענטירן אין די עמטליכע פארמעסט. די קאנדידאטן האבן פארגעשטעלט זייער הויך ערווארטעטע פרעזענטאציעס אין פארנט פון א פאנעל פון זיבן ריכטער — מומחים אין די פארשידענע אינדוסטריעס פון אגריקולטור, עסנווארג פראדוקציע און ביזנעס אנטוויקלונג.

כמעט 1,000 מענטשן האבן זיך רעגיסטרירט פאר די פינפטע יערליכע Grow-NY צוזאמקום. די הויכפונקט פון די צוזאמקום איז געווען ווען די געווינסן זענען פארגעשטעלט געווארן, וואו פארשטייער פון די 2022 Grow-NY געווינער Craft Cannery, Labby, Sweet Pea און די ערשטע געוואונער ProAgni האבן אנאנסירט די פיר $250,000 געווינער און וואו דער קאמישאנער פון די אגריקולטור דעפּארטמענט, ריטשארד א. באל, האט אנטפלעקט די צוויי $500,000 געווינער ווי אויך דער 1 מיליאן דאלארדיגע פרייז געוואונער. די פירמעס וואס האבן געוואונען וועלן יעצט זיך באלד נעמען צום ארבעט מיטן אויספירן זייערע ביזנעס פלענער אין ניו יארק סטעיט, אויסנוצנדיג די קשרים וואס זיי האבן געמאכט און די ראיאנישע וויסנשאפט וואס זיי האבן זיך איינגעשאפן פון די פארמעסט.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור דעפּארטמענט קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט**, "יאר נאך יאר ווייזט די Grow-NY פארמעסט ארויס ניו יארק'ס פילע פארגעשריטענע און פארשידנארטיגע עסנווארג ביזנעסער ווערמען'ס ארבעט פארשטערקערט אונזער אגריקולטורישע אינדוסטריע און גיבט א שטופ פאראויס פאר אונזערע פארמער. א דאנק גאווערנער האקול'ס אנגייענדע שטיצע פאר Grow-NY, איז די פארמעסט געווארן א יערליכע טראדיציע וואס טוט נישט נאר ארויסהייבן ניו יארקע אגריקולטור היינט, נאר איז אויך אן עדות איבכער די באגייסטערנדע צוקונפט געלעגנהייטן פון מארגן. איך גראטוליר די היי-יאריגע געווינער און אלע ביזנעסלייט וועלכע האבן זיך באטייליגט, און איך קוק ארויס צו זעהן וואס איר וועט ווייטער טוהן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט**, "איך גראטוליר די Grow-NY געווינער, און אלע וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די פינפטע רונדע פון די אייגנארטיגע אגריקולטור-באזירטע ביזנעס פארמעסט. איך בין שטאלץ מיט ניו יארק סטעיט'ס ראלע ביים שטיצן Grow-NY, אזוי ווי די סטאַרט-אָפּס גייען ווייטער צו אויפבויען ביזנעס אטמאספערעס און צו פארשטערקערן שעפערישע עקאנאמישע וואוקס אריבער די רייכע פארמינג און אגריקולטורישע לענדער פון די פינגער לעיקס, צענטראל און סאוטערן טיער ראיאנען."

נאך אלע מעשיות האט די Grow-NY ביזנעס פארמעסט ווידעראמאל צוגעצויגן אויסערגעווענטליכע סטאַרט-אָפּס און ביזנעס טאלאנטן פון ארום די וועלט זיך צו פארמעסטן אין איר ביזנעס אנטוויקלונג 'עקסעלערעיטאר' פראגראם און אין די צוויי-טאגיגע פרעזענטאציע פארמעסט אין די Grow-NY צוזאמקום. אין סך הכל האבן 323 סטאַרט-אָפּס אפּלייט פון 49 לענדער, אריינגערעכנט קאנאדע, יונייטעד קינגדאם און איטאליע. טיעמס פון דא אין לאנד האבן אויך ארויסגעוויזן א שטארקע אינטערעסע, מיט ביזנעסער פון 32 סטעיטס זיך געפונענדיג צווישן די אפּליקאנטן, אריינרעכענענדיג 81 פון ניו יארק.

צוויי און פערציג פראצענט פון די אפליקאנטן האבן געהאט א פרוי גרונדערין, און 61 פראצענט האבן געהאט א גרונדער פון א שוואכערע הונטערגרונט.

**Grow-NY ריכטער מאכן זייערע באשלוסן פאר ווער צו שענקען די געווינס לויט די פאלגנדע קריטעריאנען:**

- די הצלחה אויסזיכטן פון די סטאַרט-אָפּ'ס ביזנעס מאדעל
- די פילפארביגקייט, קוואליטעט, גרייטקייט און גאנצקייט פון דעם סטארטאפ מאנשאפט
- די ווערט וואס די סטאַרט-אָפּ אפפערט פאר קליענטן
- די אגריקולטור-עסנווארג ערפינדונג מיט וואס די סטאַרט-אָפּ איז אויפגעקומען
- די פאטענציאל פאר דזשאב וואוקס און געלעגנהייט וואס די סטאַרט-אָפּ קען ברענגען צו דעם ראיאן

**קארנעל אוניווערסיטעט וויצע פרעזידענט פאר פארשונג און ערפינדונג, קריסטין דזש. וואן וויליעט, האט געזאגט,** "די Grow-NY פארמעסט זעצט פאר צו טרייבן פאר ערפינדונג און קלימאט-קלוגע אגריקולטור אריין אין אפּסטעיט ניו יארק דורכאויס א קריטישע צייט. עס איז מיר א פארגעניגן צו גראטולירן די היי-יאריגע פרייז געווינער, און איך קוק ארויס צו די צוקונפט צוזאמענארבעט צווישן די סטאַרט-אָפּס און קארנעל'ס פארשונג און ערפינדונג."

**Grow-NY פראגראם דירעקטארין, דזשען סמיט, האט געזאגט,** "עס איז גאר באגייסטערנד צו געוואויר ווערן וועלכע סטאַרט-אָפּס וועלן זיין די וועלכע וועלן פארגרעסערן די פארנעם פון זייערע פראדוקטן און סערוויסעס, לייזן פראבלעמען און שאפן געלעגנהייטן אין די עסנווארג און אגריקולטור אינדוסטריע אט דא אין אפּסטעיט ניו יארק אין די קומענדיגע חודשים. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע קאנדידאטן און פאר די ריכטער, און מיר גיבן אונזערע וואונטשן פאר די געווינער."

אלע געווינער ווערן פארלאנגט צו ארבעטן צו האבן א פאזיטיווע עקאנאמישע השפעה אין דעם Grow-NY ראיאן וואס באשטייט פון 22 קאונטיס וואס דינען אלס א היים פאר לעבהאפטיגע פארם לענדער, א שפע פון פרישע וואסער און אזוי אויך עטליכע אויפשטייגנדע שטעט, אריינרעכנענדיג ראטשעסטער, סירעקיוס, איטעקע, דזשעניווע און בינגעהעמטאן. די געווינענדע ביזנעסער וועלן פלעגן די וואוקס פון דזשאבס, זיך פארבינדן מיט לאקאלע אינדוסטריע שותפים און ביישטייערן צו א בליהענדע עקאנאמיע.

**צענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פארזיצער, רענדי וואלקען, פרעזידענט און CEO פון די מעניופעקטשורערס אסאָוסיעישען פון צענטראל ניו יארק, און די פרעזידענט פון די לע מאָין קאלעדזש, לינדע מ. לעמורא, האבן געזאגט,** "עס איז אונז א פארגעניגן צו אויסדרוקן אונזערע פילע וואונטשן פאר אלע פון די היינטיגע געווינער און פאר אלע וועלכע זענען געווען א טייל פון די פינפטע רונדע פון די Grow-NY פארמעסט. ניו יארק סטעיט זעצט פאר ווייטער צו שפירן פרעצעדענטלאזע וואוקס אין די אגריקולטור און עסנווארג אינדוסטריעס. די Grow-NY פארמעסט איז נאך א באגייסטערנדע אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי וואס וועט ווייטער אונטערהייבן ראיאנישע דזשאב וואוקס און ווייטער שטיצן אונזער אגריקולטורישע באזע אריבער גאנץ צענטראל ניו יארק, פארזיכערנדיג אז דער ראיאן זעצט פאר צו שטייגן."

**פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פארזיצער, באַב דאָפּי, פרעזידענט און CEO פון גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאַמערס, און דר. דעניס בעטלס, פרעזידענט פון SUNY דזשענעסיאָו, האבן געזאגט,** "מיר זענען אזוי געוואלדיג שטאלץ פון אלע וועלכע האבן אנטיילגענומען אין די פינפטע רונדע פון די ערפינדונגען פארמעסט. דער ראיאנישע קאונסיל איז לעיזער-פאקוסירט אויף וואקסן די סטעיט׳ס אגריקולטורעלע און עסנווארג אינדוסטריעס. אונזער אנגייענדע אינוועסטירונג אין די

Grow-NY פארמעסט ארבעט צו פארבינדן לאקאלע אינדוסטריע שותפים מיט די פארגעשריטנסטע המצאות פון די ביזנעסלייט, ווייטער שטיצנדיג אונזער פארצווייגטע צוגאנג צו שאפן א בליהענדע ראיאנישע עקאנאמיע."

**סאוטערן טיער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פארזיצער, דזשוּדי מעקקיני טשערי, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Schuyler County Partnership for Economic Development, און דר. קעווין דראָם, געוועזענער פרעזידענט פון SUNY ברוּם קאמיוניטי קאלעדזש, האבן געזאגט,** "מיר ווילן אויסדרוקן אונזערע הערצליכע וואונטשן פאר די געווינענדע טיעמס און פאר אלע קאנדידאטן אין די פינפטע רונדע פון Grow-NY וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די היי-יאריגע צוזאמקום אין בינגעהעמטאן. אינאוואציע און ענטרעפּעניורשאפט זענען די שליסלען צו אונזער עקאנאמישע צוקונפט. ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטריע איז איינס פון די מערסטע פארשידענארטיגע און אנגעזעהענע אין די וועלט, און די אינציאטיוו הייבט ניו יארק העכער פון אנדערע סטעיטס, צולייגנדיג צו אונזער ראיאן'ס אנגייענדע עקאנאמישע הצלחה."

לערנט מער איבער די Grow-NY פארמעסט [דא](#).

לערנט מער איבער קארנעל אוניווערסיטעט'ס צענטער פאר ראיאנישע עקאנאמישע פארשריט [דא](#).

לערנט מער איבער Hypercell Technologies [דא](#).

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכענענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא](#).

**פארשנעלערן "CNY Rising" (צענטראל ניו יארק - זיך אויפהייבנדיג)**

די היינטיגע אנאנס באגלייט "CNY Rising" (צענטראל ניו יארק - וואקסנדיג), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפּעניורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא](#).

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**

די היינטיגע אנאנסירונג באגלייט "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-געאייגנטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף צוציען א טאלאנטפולע ארבעטסקראפט, וואקסנדע ביזנעסער, און טרייבן אינאוואציע. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא](#).

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר און אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און ערנייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע

סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן